ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳ | **פרשת טהרה** | שנת תשע"א

**זאת תהי' תורת המצורע ביום טהרתו:** לכאורה פארוואס דארף דער מצורע ברענגען א קרבן, די גמרא זאגט דאך **יסורים ממרקין עוונותיו של אדם**, איז ער דאך שוין אפגעקומען זיינע עבירות מיט יסורים?

ענטפערט דער **מהר"ם אש ז"ל** אז דער לימוד אז יסורין ממרקין עוונותיו של אדם לערנען חכמינו ז"ל ארויס פון **שן ועין**, ווען א הער האקט אויס א ציין אדער אויג פון א עבד גייט ער ארויס פריי, לערנט מען ארויס מיט א קל וחומר אז יסורים אויפן גאנצן גוף באפרייט זיכער א מענטש פון זיין עונש. אבער לויט דעם ק"ו קומט אויס אז נאר ביי אזא צער וואס בלייבט אויף אייביג ווי ביי שן ועין וואס איז א אייביגער פעלער דארט גייט מען ארויס לחירות, משא"כ ביי יסורים וואס גייט אוועק ווען מ'ווערט אויסגעהיילט, איז דאס נישט גליך צו שן ועין, ממילא דארף מען ברענגען א קרבן.

דאס זאגט דער פסוק **זאת תהי' תורת המצורע**, אז דער מצורע דארף ברענגען א קרבן, איי פארוואס איז ער נישט אפגעקומען מיט יסורים, זאגט דער פסוק **ביום טהרתו**, ווייל ער איז דאך שוין סוף כל סוף אויסגעהיילט געווארן ממילא קענען די יסורים נישט מכפר זיין אויף אים, וועגן דעם דארף ער ברענגען א קרבן.

*

**ושחט את הכבש במקום אשר ישחט את החטאת ואת העולה במקום הקודש כי כחטאת האשם לכהן קודש קדשים הוא:** לכאורה וואלט געדארפט שטיין בקיצור ושחט את הכבש צפונה? און אויך אויב איז דער טעם פארוואס מ'שחט דעם אשם בצפון ווייל עס איז גלייך צו א חטאת, וואו קומט אהער עולה? און אויך פארוואס שטייט **לכהן** קודש קדשים הוא?

ענטפערט דער **מלא העומר** לויט די גמרא וואס זאגט (סוטה ל"ב) אז וועגן דעם שחט מען דעם חטאת בצפון אזוי ווי א עולה, כאטש א עולה איז מער ווי א חטאת ווייל עס איז כולה כליל לגבוה, אבער די תורה האט נישט געוואלט פארשעמען די וואס ברענגען א חטאת אז מ'זאל דערקענען אז זיי האבן געזינדיגט. ממילא לויט דעם טעם דארף מען טאקע סיי א חטאת און סיי א אשם שחט'ן בצפון.

נאר די גמרא זאגט אין מס' זבחים (דף פ"ט) אז חטאת איז חשוב'ער ווי אשם, ווייל ביים חטאת שפריצט מען די בלוט אויף אלע פיר עקן, משא"כ ביי אשם איז נאר א שנים שהן ארבע, וואלט איך געקענט זאגן אז וועגן דעם שחט מען דעם חטאת אויך אויפן הייליגסטן פלאץ אזוי ווי א עולה. אבער באמת קען מען נישט אפטיילן דעם אשם פונעם חטאת, ווייל ביידע האבן די זעלבע הלכה אז זיי זענען קדשי קדשים, און פון ביידע עסט דער כהן אייניג, איז בדין הוא אז מ'זאל זיי שחט'ן אויפן זעלבן פלאץ.

דאס זאגט דער פסוק **ושחט את הכבש במקום אשר ישחט את החטאת**, איי פארוואס? וועגן דעם זאגט ווייטער דער פסוק **ואת העולה**, ווייל מ'זאל קענען מיינען אז דאס איז א עולה און דער וואס ברענגט דעם חטאת זאל נישט פארשעמט ווערן. איי ווען עסטו פרעגן **במקום הקודש**? פארוואס קומט א אשם צו שחט'ן אויף אזא הייליג ארט ווען זיין בלוט שפריצט מען נאר א שנים שהן ארבע, אויף דעם איז דער תירוץ **כי כחטאת כאשם הוא לכהן**, ביים כהן האבן ביידע די זעלבע חשיבות ווייל ער עסט פון ביידע, און עס איז נישט ווי עולה וואס איז כולה כליל, ממילא איז זייער מקום השחיטה אייניג.

*

**ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם:** במדרש הה"ד אך טוב לישראל אלקים לברי לבב.

דער הייליגער **ישמח משה זי"ע** טייטשט דעם מדרש, **אלקים** דאס איז מידת הדין, **טוב לישראל** איז גוט פאר אידן, ווייל אידישע קינדער זענען מקבל באהבה אלעס וואס דער אייבערשטער טוט, אבער דאס איז נאר אויב **לברי לבב**, אויב זייער אמונה איז גאנץ און זיי ווייסן אז גם זו לטובה.

א ראי' צו דעם אז א מידת הדין קען זיין א טובה פאר אידן איז נגעי בתים, וואס זעהט אויס ווי א שלעכטע זאך, דערווייל טרעפט מען אונטער די וואנט אוצרות כסף, פון דעם זע איך אז **אך טוב לישראל אלקים**.

## נישט רעדן קיין דברים בטלים

**דער ערוגת הבשם זאגט א טעם פארוואס די תורה האט געהייסן לייגן דאס בלוט אויפן בהן פינגער דוקא, לויט דעם וואס דער בעש"ט הק' זי"ע זאגט אז א מענטש וואס רעדט דברים בטלים איז נישט בגדר מענטש, ווייל דער כח הדיבור פון א מענטש דאס איז זיין לעבן און זיין חיות, און ווען ער רעדט גייט ארויס זיין חיות, אבער ווען מ'רעדט הייליגע ווערטער איז ער ממשיך אויף זיך א פרישע חיות פון הימל.**

**די אותיות ב'ה'ן' זענען די אותיות נאך די אותיות א' ד' ם'.**

**קען זיין אז דאס זאגט די תורה אז מ'זאל לייגן די בלוט אויפן בהן, ווייל דער מצורע האט גערעדט לשון הרע מיט דברים בטלים איז ער שוין ארויס פון גדר אד"ם און ער איז שוין ביי אותיות בה"ן.**

# אוצר הידיעות

## עניני נגעים וטהרת המצורע

דער **ספורנו** זאגט אז די נגעים וואס די תורה רעכנט אויס אז זיי זענען מטמא דעם מענטש, האבן נישט קיין שייכות צו די נאטורליכע מחלות פון צרעת וואס זענען באקאנט פאר דאקטורים, נאר דאס זענען אנדערע אומנאטורליכע מחלות וואס ווערט געשיקט פון הימל אלס עונש פארן מענטש פאר זיינע עבירות.

דער **בעל עקידה** ברענגט א ראי' דערצו וויל בדרך הטבע אויב מ'שפארט איין א מענטש מיט צרעת א וואך צוויי ווערט די מחלה אינפעקטעט, און דא זאגט גאר די תורה הק' אז דאס איינשפארן די נגע זאל זיין א סימן פון א רפואה. אלא מאי האט דאס נישט קיין שום שייכות מיט די אלגעמיינע מחלות פון נגע צרעת.

אין **תפארת ישראל** אויף משניות (בהקדמה למס' נגעים, מראה כהן אות ל"ט) ברענגט ער די הלכה פסוקה אז אלע דיני נגעים **נוהגין בארץ ובחוץ לארץ, בין בפני הבית ובין שלא בפני הבית.** שרייבט ער צו "איך האב זיך אלס געוואונדערט פארוואס פירן מיר זיך נישט היינט מיט די דיני נגעים, איך געדענק אין מיינע פריערדיגע יארן האב איך געפרעגט די קשיא פון **הגאון הגדול מו"ה עקיבא איגר זצ"ל** און ער האט מיר געענטפערט אז ער האט זיך אויך געוואונדערט דערויף און ער האט נישט קיין תירוץ וואס זאל זיין מתקבל על הדעת.

דער **אלשי"ך הקדוש** זאגט אז מהאי טעמא איז היינטיגע דורות א נישטא קיין מראות נגעים, וויל די נגע קומט צוליב די חטאים פונעם מענטש, און דער חלק הקדושה קען נישט סובל זיין די טומאה, ממילא שטופט דאס ארויס דעם חלק הטומאה אינדרויסן און דאס איז דער נגע וואס באווייזט זיך אויפן קערפער פונעם מענטש. אבער דאס איז נאר געווען אין יענע צייטן ווען די כוחות הקדושה זענען געווען גענוג גרויס אפילו ביי די חוטאים, און דאס האט ארויסגעשטויסן דאס ביסל טומאה. משא"כ ביי די היינטיגע דורות איז נישטא אזא גרויסער כח הקדושה ממילא זעהט מען נישט היינטיגע צייטן קיין נגעים.

דער **חיד"א ז"ל** (מדבר קדמות ערך ציפור) ברענגט **בשם מהר"ם מריקאנטי בשם תרגום יונתן בן עוזיאל,** אז מ'שיקט אוועק די לעבעדיגע פייגל על פני השדה, און אויב קומט זיך פאר דעם מענטש אז ער זאל נאכאמאל באקומען א צרעת, וועט די לעבעדיגע פייגל צוריק קומען יענעם טאג צו אים אין שטוב, און דאס וועט זיין דער סימן אז ער דארף באקומען נאכאמאל צרעת.

# אוצר רבותינו

## ביי נגעי בתים דארף מען זאגן

**הרה"ק רבי מרדכי מפינשטוב זצ"ל** איז געווען א ביטערער ארימאן, און ער האט געהאט דריי טעכטער מיט וועמען ער האט שוין געדארפט א שידוך טוהן. אבער ער איז געווען א געוואלדיגער בעל בטחון, און ער האט ניטאמאל געוואלט דערציילן איבער זיין שווערן מצב פאר זיין רבי'ן **הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע.**

יעדעס מאל וואס ער איז געפארן קיין לובלין האט אים זיין רביצין געמוטשעט אז ער זאל מזכיר זיין ביים רבי'ן איבער זיין שווערן מצב, און ער האט איר צוגעזאגט אז ער וועט עס טון, **אבער** ווען ער איז געקומען צום רבי'ן האט ער זיך נישט געטרויעט צו רעדן דערוועגן.

ווען זיין פרוי האט געזעהן אז זי קומט נישט אן אין ערגעץ מיט איהם, האט זי מחליט געווען אן זיין וויסן אליינס צו פארן קיין לובלין בשעת ווען ער איז דארט געווען ביים רבי'ן, און ווען ער איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן איז זי מיטגעקומען און אזוי האט ער נישט געהאט קיין ברירה און ער האט געמוזט דערציילן פארן רבי'ן זיין גאנצן שווערן פעקל וואס ער מאכט מיט.

ווען **דער רבי פון לובלין זי"ע** האט געהערט די ווערטער האט ער איהם געפרעגט **פארוואס** האסטו מיר דאס נישט דערציילט ביז היינט, האט רבי מרדכי געזאגט אז ער האט זיך פארגעשטעלט אז דער רבי ווייסט דאס מיט רוח הקודש.

האט אים דער **הייליגער חוזה זי"ע** געענטפערט "ניין, עס איז נישט אזוי, וויל מיר זעהן ביי די פרשה פון נגעי אדם שטייט **אדם כי יהיה בעור בשרו וכו' והובא אל הכהן וראה הכהן את הנגע,** דאס מיינט אז ווען דער מענטש קומט אליין צום כהן דעמאלטס קען דער כהן זעהן די נגעים וואס איז דא אויף אים, אזוי אויך ווען א מענטש קומט צום צדיק זעהט ער באלד אלע פגמים וואס איז דא אויף דעם מענטש, משא"כ ביי נגעי בתים שטייט **ובא אשר לו הבית והגיד**

# יגעת ומצאת

מיר גרייטן זיך אי"ה **בעל ברך משה זי"ע,** דעריבער וועלן מיר אי"ה במשך די קומענדיגע וואכן לערנען איבער די תולדות פונעם רבי'ן זצ"ל, למען ידעו דור אחרון צדיק מה פעל.

**די תשובות פון די וואך קען מען טרעפן אין ספר ומשה היה רועה חלק א'**

**דער רבי מרן הברך משה זי"ע איז געבוירן געווארן ביום? צו זיין טאטן? בן? און זיין מאמע? בת? אין די שטאט? זיין סנדק איז געווען? וואס האט ער געהייסן פאר זיינע קינדער? פארוואס האט דער רבי נישט געקענט די גאסן פון סיגעט? ווען איז דער עצי חיים נסתלק געווארן? ווען איז די רביצין פונעם עצי חיים נסתלק געווארן? וואו אלט איז דער רבי געווען ווען ער איז געווארן א קיילעכיגער יתום ל"ע? צו וועמען פלעגט ער כסדר פארן אין זיינע בחור'ישע יארן? וואס האט זיך רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע אויסגעדרוקט אויף איהם אלס בחור? וואס האט הגה"ק רבי שאול בראך זצ"ל געשריבן א מורא'דיגן לשון אין די התרת הוראה? וואס האט דער רבי נאכדערציילט וואס ער האט געזעהן ביים סדר פונעם פעטער מרן הדבר"י זי"ע אלס בחור? וועלכע ספרים האט אים רביה"ק געהייסן לערנען?**

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' תזריע-החודש

**א.** יציאת מצרים היה ביום ט"ו ניסן שנת ב' תמ"ח, קריעת ים סוף כ"א ניסן, באו למדבר סיני א' ר"ח סיון.

**ב.** מתן תורה היה ביום ו' סיון, לר' יוסי ז' סיון, משרע"ה עלה לשמים ביום ז' סיון וירד ביום י"ז תמוז, וחטא העגל היה בו ביום, שוב עלה בפעם השני' למחרתו י"ח תמוז, וירד בכ"ט מנחם אב, ושוב עלה למחרתו בר"ח אלול, ושוב ירד ביום הכיפורים שנת ב' אלפים תמ"ט.

**ג.** משרע"ה שפט את בנ"י לראשונה ממחרת יום הכיפורים, וגם הציוו על מלאכת המשכן היה בו ביום.

**ד.** משרע"ה שימש בכהונה גדולה בחלוק לבן שאין לו אימרא, מיום כ"ג אדר ועד ר"ח ניסן.

**ה.** אהרן ובניו התחילו לעבוד עבודת המשכן בראש חודש ניסן. ובו ביום מתו נדב ואביהו מפני: א) שנכנסו שתויי יין למשכן. ב) הורו הלכה בפני רבם. ג) שלא נשאו נשים. ד) שלא נטלו עצה מפי הזקנים. ה) כי הכניסו אש זרה אשר לא צוה אותם. ו) כי אמרו מתי ימותו שני זקנים הללו. ז) לתקן חטא העגל (רש"י ואתחנן).

**ו.** ראשון למעשה בראשית, ראשון לנשיאים, ראשון לכהונה, ראשון לעבודה, ראשון לירידת האש, ראשון לאכילת קדשים, ראשון לאיסור הבמות, ראשון לראשי חדשים, ראשון להשראת שכינה בישראל, ראשון לברך את ישראל.